איר געוועזן גוים אינעם פלייש, וואָס זענען גערופן
געוואָרן ערלים פון די, וואָס הייסן נמולים—אַ מילה
12 אינעם פלייש, אַ מיט הענט געמאַכטע—אַז צו יענער
צייט זענט איר געווען אָן אַ משיח, אויסגעשלאָסענע
פון דעם בירגער־רעכט פון ישראל און פרעמדע
וואָס שייך די בריתות (געטלעכע בונדן) פון דער
הבטחה, אָן אַ האָפענונג און אָן ג־ט אין דער וועלט.
13 איצט אָבער אינעם משיח ישוע איר, וואָס זענט אַמאָל
געווען ווייט, זענט געוואָרן נאָענט דורך דעם
14 בלוט פון דעם משיח. וואָרום ער איז אונזער שלום,
וועלכער האָט געמאַכט די ביידע איינס און האָט
צעשטערט די אָפשיידנדיקע מחיצה, די שנאה,
15 מיט זיין אייגן לייב, בטל מאַכנדיק די תורה פון
מצוות און חוקות; כדי אין זיך אַליין צו באַשאַפן
פון די צוויי איין נייעם מענטשן, (און אַזוי) מאַכנדיק
16 שלום; און צו פאַראיינבאָרן די ביידע אין איין
גוף צו ג־ט דורך דעם בוים, טייטנדיק די שנאה
17 דורך אים; און איז געקומען און מבשר געווען
שלום צו אייך, די ווייטע און שלום צו אייך,
18 די נאָענטע; ווייל דורך אים האָבן מיר, די ביידע,
דעם צוטריט אין איין גייסט צום פאָטער.
19 דעריבער זענט איר אַזוי אַרום מער נישט קיין
גרים און נכרים, נאָר איר זענט מיטבירגער פון
20 די קדושים און ג־טס בני־בית, אויפגעבויט אויף
דעם יסוד פון שליחים און נביאים, בשעת משיח
21 ישוע אַליין איז דער ווינקלשטיין; אין וועמען די
גאַנצע געביידע איז צוזאַמענגעפאַסט און וואַקסט
22 אויס צו אַ בית המקדש אין דעם האַר (גאָט); אין
וועמען אויך איר ווערט מיטגעבויט פאַר אַ וואוינונג
פון ג־ט אינעם גייסט.